Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראשען. | היינט 8 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

№ 162 | Łódź, Poniedziałek 14 lipca 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג י״ח תמוז תר״ץ | № 162

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# דעמאנסטראציעס פאר דער דייטשער געזאנדשאפט אין ווארשא

ווארשא, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). אין צוזאמענהאנג מיט׳ן 10־יעריגען יובילעאום פון פלעביסציט אין מזרח־פרייסען, אויף פארשלעזיע, און ווארמיא און גלייכצייטיג צוליב דעם 520 יעהריגען יובילעאום פון דער שלאכט ביי גרונוואלד איז פארגעקומען א גרויסער מיטינג אין זאל פון קינא „קאלעסאום“.

דעם מיטינג האט איינגעארדענט די ליגע פון דער פוילישער גרויסמאכט, (ליגא מאצארסטוואוואַ). עס זענען ארויסגעטרעטען מיט רעדעס דער הויפט־קאמענדאנט פון דער ליגע ראמוואלד פילסודסקי, א זוהן פון יאן פילסודסקי, און דער גענעראל ארליטש רזעשער.

נאכ׳ן מיטינג האט זיך געבילדעט א דעמאנסטראציע פון 200 מאן, וועלכע איז אוועק אויף דער פיענקנא 17 פאר׳ן בנין פון דער דייטשער געזאנדשאפט, אויף וועג האט די פאליציי דך געווארפען אויפ׳ן צוג ווייל אין שייכות מיט׳ן היינטיגען קאמוניסטען טאג האט מען איהם אנגענומען פאר א קאמוניסטישע דעמאנסטראציע, און געוואלט איהם צוטרייבען. ווען דער ענין האט זיך אבער אויפגעקלעהרט האט די פאליציי געלאזט דעם צוג ווייטער געהן.

פאר׳ן בנין פון דער געזאנדשאפט האבען זיך געהערט אויסרופען: „נידער מיט דייטשלאנד“, „מיר פאדערען גאנץ אויבערשלעזיע“, „מיר פאדערען די רעוויזיע פון ׳פויליש־דייטשען גרענעלס־אפמאך״, א. א. וו.

די פאליציי, וואס האט בעוואכט דעם בנין פון דער געזאנדשאפט, האט די דעמאנסטראנטען נישט צוגעלאזט נאהענט צו דער געזאנדשאפט.

# דער קאמוניסטישער טאג איז ווארשא אדורך רוהיג

ווארשא, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). ווי בעוואוסט האט היינט געוואלט פארקומען א קאמוניסטישער טאג אונטער דער לאזונג פון אנטי־פאשיזם און אנטי־מיליטאריזם.

אין שייכות דערמיט זענען אין משך פון דער נאכט פון שבת אויף זונטאג אויף א סך הייזער אויסגעקלעפט געווארען געשריבענע קאמוניסטישע פלאקאטען. די פאליציי האט די פלאקאטען אראפגעריסען.

היינט, באלד אינדערפריה, איז ביי דער ווארשאזער פאליציי ערקלערט געווארען „אסטרע פאגאטאוויע“. אין אלע פאליציי־קאמיסאריאטען זענען געווען צוגעגרייט לאסט־אויטאס מיט פאליציי.

און אלגעמיין איז דער טאג אדורך רוהיג, און נאר טיילווייז זענען געמאכט געווארען פרובען פון דעמאנסטראציעס.

באלד אינדערפריה האט א גרופע קאמוניסטען פרובירט צו דעמאנסטרירען אויף דער נאלעווקי גאס, פאליציי האט אבער די דעמאנסטראנטען באלד צוטריבען. אין משך פון טאג האבען די קאמוניסטען נאך פרובירט צו דעמאנסטרירען אויף דער פעלער און אין נאשעוואוו, אבער אויך דארטען האט די פאליציי זיי צוטריבען.

אין משך פון טאג זענען אויך געמאכט געווארען עטליכע צעהנדליג ארעסטען.

# ווייטערדיגער עדות־פערהער פון דער אינטערנאציאנאלער כותל־מערבי־קאמיסיע

ירושלים, 13. (יט״א טעלעגראפ ש)־ די כותל־מערבי קאמיס׳ע האט אויסגעהערט דעם קריסטליכען ערות יאהאן וואשנען. ער בעהויפטעט, אז די תפילות וואס די יודען ריכטען אפ ביים כותל זענען נישט די׳עלבע וואס אין דער שוהל. ד״ר עליאש פרעגט דאן דעם ערות צי ווייסט ער אז יודען דאווגען שבת אין תפילין, דער ערות ענטפערט אז יא, און די דאזיגע תשובה זיינע רופט ארויס א הייטליכען געלעכטער צווישען די אנוועזענדע יודען. ווייטער ערקלערט דער ערות אז ער האט נישט געזעהען קיין טאכמעראנער ביים כותל, ער ווייסט אבער אז די מוזולמענער האלטען דעם כותל פאר זייערען א הייליגקייט.

נאכדעם ווערט אויסגעהערט אלס ערות א געוועזענער טערקישער פאליציאנט א מאכמעדאנער, ער ערקלערט, אז אין די טערקישע צייטען האט מען ביים כותל נישט געטארט זיצען און נישט געטארט שטעלען קיין מחיצה. די פאליציי האט אכטונג געגעבען אז מ׳זאל ביי די תפילות נישט שטערען.

ירושלים, 13. (יט״א טעלעגראפ״ש).

די זיצונגע פון דער אינטערנאציאנאלער כותל־מערבי קאמיסיע וועלען פערענדיגט ווערען האר נערשטאג.

# פוילישע נאטע צו טשעכא־סלאוואקיען וועגען די אנטי־פוילישע קאמוניסטישע דעמאנסטראציעס

פאריז, 13. (ספ. טעל.)

אין שייכות מיט די לעצטע קאמוניסטישע דעמאנסטראציעס פאר די פוילישע קאנסולאטען אין טשעכאסלאוואקיען האט דער פוילישער בארשטעהער אין פראג, ד״ר וואצלאוו גזשיבאווסקי איבערגעגעבען דעם טשעכישען אויסערן־מיניסטעריום א נאטע אין וועלכער די טשעכישע רעגירונג ווערט אויפמערקזאם געמאכט אויף דער נויטווענדיגקייט צו פארזיכערען די פוילישע קאנסולאטען אין טשעכאסלאוואקיען קעגען דער קאמוניסטישער טעטיגקייט.

פילהארמאניע־זאל נארוטאוויטש 20

אנ׳אמת׳ער עונג־שבת־קודש פאר לאדזער יודען!

פרייטאג, דעם 18־טען יולי און שבת, דעם 19־טען יולי ד. י.
פ׳ פינחס (מברכים החודש מנחם אב) וועט דאווגען קבלת־שבת,
אויך אין דער פריה שחרית און מוסף, דער פאפולערער וועלט־בעריהמטער

אבער־קאנטאר פון אמעריקא, פראפעסאר ה׳

אליהו זאלודקאווסקי נ״י

(דער ליבלינג פון לאדזער פובליקום)

עס נעהמט אנטייל דער בעוואוסטער פראפעסיאנעלער כאר
אונטער דער לייטונג פון דעם טאלענטפולען יונגען מוזיקער ה׳ הערץ רוביז.

פערזעהט אייך מיט בילעטען וכל הקודם זכה!

בילעטען־פערקויף: זאל פ׳להארמאניע, נארוטאוויטשא 20; ביי ה׳ י. זעלמאנאוויטש, רוג פאלודניאווא און פיעטריקאווער; אויך ביי ה׳ דיאמאנט, נאוואמיעסקא 24, וואורשט־געשעפט.

בעמערקונג: פאר פרויען ספעציעלע רעזערווירטע פלעצער.

שטאטיש טעאטער
ציגעל־גאס 63.

יאר XV. | אנפ. מ. מואה.

ג אסטראלן פון דער ווילנער טרופע

היינט, מאנטיג, ד. 14 יולי, 8.45 אוונט, צו ביליקע פרייזן פון 50 גר. ביז 3.50

צום 297 מאל „קדוש השם“ פון שלום אש

מארגן, דינסטיק, דעם 15 יולי
„באנאכט אויפן אלטן מארק״ פון י. ל. פרץ.

נאך קורצע שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אונזער פעראיינס־מיטגליד

נ״ע אליעזר בראנד

צו ער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, מאנטאג, 1 א זייגער בייטאג פון טויער־הויז פאמארסקא 53, ווערען אלע מיטגלידער געבעטען צו קומען אפגעבען דעם פערשטארבענעם דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג
פון יודישען פליישער־פעראיין, פיעטריקאווער 24

לעזט און פערשפרייט דאס 5=גראשן־בלאט

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 68 יאהר אונזער ליבער און אונפערגעסענער פאטער, שוויגערפאטער, גרויספאטער, ברודער, שוואגער און פעטער

נ״ע פנחס ב״ר אלי׳ מאיר הכהן ז״ל גאנץ

לאנגיעהריגער סוחר פון דער שטאט לאדז

די לויה קומט פאר היינט, מאנטאג, י״ח תמוז תר״ץ, 2 א זייגער נאכמיטאג פון טרויער־הויז ווסכאדניא 74,
וועגען וואס עס טיילט מיט אין גרויסען צער
די טיפטרויערנדע פאמיליע.

